בעזהשי"ת

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל - בני ברק

# פניני השבוע

## פ' אמור

**כיתה ב' (א)**
**הר"ר מאיר חיים שישא הי"ו**

**כיתה ב' (ב)**
**הר"ר משה ברוך כץ הי"ו**

# לכבוד די חשוב'ע עלטערן שיחיו

די וואך האבן מיר געלערנט

**חומש:** פון אנהייב 4 פסוקים, און פסוק ט"ו און ט"ז.

**קריאה:** מיר האבן געגעבן צו ליינען די מעשה פון "רבי עקיבא".

**חומר שבועי:** די אינהאלט פון די וואך איז בייגעלייגט אין דעם גליון.

**ניגון:** מיר האבן געזונגען מיט די קינדער די ניגונים פון "וספרתם לכם" און "ויהי החודש".

**הלכה:** מיר האבן אנגעהויבן בעז"ה די מנהגים און הלכות פון שבת און די ל"ט מלאכות.

**א גוט שבת**

**המלמד**

# אינהאלט פון די וואך

## כהנים טארן זיך נישט מטמא זיין פאר א מת

דער אייבישטער האט אויסגעוועלט די כהנים אז זיי זאלן איהם דינען און מאכן די עבודה אין זיין בית המקדש און צו מקריב זיין קרבנות אויפן מזבח, דעריבער האט דער אייבישטער באפוילן אז זיי טאר זיך נישט טמא ווערן, און צוליב דעם טארן זיי נישט אנרירן א טויטער מענטש און אזוי אויך טארן זיי נישט אריינגיין אין א שטוב וואס ס'איז דא דארט א טויטער מענטש אדער אין א בית הקברות.

אויך היינטיגע צייטן ווען עס איז נישטא קיין בית המקדש טאר זיך א כהן נישט מטמא זיין צו א טויטער מענטש.

און אויב א כהן גייט צו א לויה דארף ער שטיין ווייט פון דעם מת, און אויב איז דער כהן יא טמא געווארן דעמאלטס טאר ער נישט אריינגיין אין בית המקדש ביז ווען ער וועט זיך רייניגן מיט די אש פון די רויטע קוה.

צו זיבן קרובים מעג זיך א כהן הדיוט יא מטמא זיין: 1) צו זיין ווייב, 2) צו זיין טאטע, 3) צו זיין מאמע, 4) צו זיין זוהן, 5) צו זיין טאכטער, 6) צו זיין ברודער, 7) צו זיין שוועסטער.

אבער א כהן גדול טאר זיך צו קיינעם נישט מטמא זיין, נאר צו א מת מצוה, א מת מצוה מיינט א טויטער מענטש וואס איז נישטא קיינער וואס זאל זיך באשעפטיגן מיט איהם ווייל ער האט נישט קיין קרובים אדער באקאנטע.

## קדושת הכהנים

די אידן זענען די הייליגסטע פאלק פון אלע פעלקער, און די כהנים זענען די הייליגסטע פון אלע אידן, דעריבער האט דער אייבישטער באפוילן אז מ'זאל מכבד זיין א כהן אז ער זאל זיין דער ערשטער ביי אלע הייליגע זאכן, אין שוהל זאל ער עולה די ערשטע, ביים בענשטן זאל ער בענטשן די ערשטע, ביים דאווענען זאל ער בענטשן די מענטשן מיט ברכת כהנים, און ווען די בית המקדש איז געשטאנען האט מען אויך געגעבן פאר'ן כהן תרומה.

## אלה מועדי ה'

מיר האבן ארומגערעדט פון אלע ימים טובים פון יאר, און מיר האבן מסביר געווען פארוואס דער אייבישטער האט געהייסן רוהען אין שבת, און מיר האבן אנגעזאגט די קינדער ווי אזוי מ'דארף זיך אויפפירן שבת, מ'דארף דאווענען ערליך און זיך שיין אויפפירן און פאלגן די טאטע מיט די מאמע.

**קרבן העומר**

ווען ס׳קומט אן חודש האביב (פרילינג) און די פעלדער ווערן אנגעפילט מיט ווייץ און גערשטן שניידט דער בעל הבית אפ די תבואה און מ׳באקט פון דעם חלות, קיכעלעך, בייגעלעך, וואפלעס, א.א.וו. דעריבער דארפן מיר דאנקען דעם באשעפער אז ער האט אונז געגעבן רעגן גשמי ברכה און ער האט אונז געמאכט וואקסן די תבואה, און מ׳איז מקריב דעמאלטס א קרבן עומר און מיט דעם דאנקען מיר דעם אויבערשטן אויף אלע גוטע זאכן וואס ער האט אונז געגעבן, און פאר ווען מ׳איז מקריב דעם קרבן עומר טאר מען נישט שניידן פון די תבואה.

די סדר פון קרבן עומר איז געווען אזוי: די צווייטע נאכט פון יום טוב פסח האבן זיך צוזאם געומען אסאך מענטשן ארום ירושלים דארט ווי מ׳האט געשניטן דעם עומר און דריי מענטשן האבן געהאלטן מעסערס און קוישן אריינצולייגן די תבואה.

פאר ווען מ׳האט אנגעהויבן צו שניידן האבן זיי געפרעגט די וואס שטייען דארט: 1) די זון איז שוין אונטער געגאנגען? און זיי האבן געענטפערט יא. - דערנאך האבן זיי געפרעגט: 2) מיט דעם מעסער? און אלע האבן געענטפערט יא. - נאכדעם האבן זיי געפרעגט: 3) מיט דעם קויש? און אלע האבן געענטפערט יא. - און אויב ס׳איז געווען שבת האבן זיי געפרעגט: ס׳איז שבת היינט? און אלע האבן געענטפערט יא. - דאן האבן זיי געפרעגט: 4) זאלן מיר שניידן? און אלע האבן געענטפערט שנייד. - די אלע שאלות האט איבער געפרעגט 3 מאל און נאכדעם האט מען געשניטן די תבואה און מ׳האט עס געברענגט פרייליכערהייט אין בית המקדש.

**ספירת העומר**

דער אייבישטער האט געהייסן מ׳זאל ציילן זיבן וואכן ספירה פון יו"ט פסח ביז יו"ט שבועות, אזוי ווי ווען א חתן מיט א כלה האבן חתונה ציילן זיי יעדן טאג ווען ס׳וועט אנקומען די טאג פון די חתונה, אזוי אויך אונז אידן האבן מיר חתונה מיט די תורה אין יו"ט שבועות דעריבער ציילן מיר ווען ס׳וועט אנקומען די גרויסע טאג פון קבלת התורה.

# וּסְפַרְתֶּם לָכֶם מִמָּחֳרַת הַשַּׁבָּת מִיּוֹם הֲבִיאֲכֶם אֶת עֹמֶר הַתְּנוּפָה שֶׁבַע שַׁבָּתוֹת תְּמִימֹת תִּהְיֶינָה: עַד מִמָּחֳרַת הַשַּׁבָּת הַשְּׁבִיעִת תִּסְפְּרוּ חֲמִשִּׁים יוֹם:

# שאלות מיט תשובות

**א. צו וועלכע מת מעג זיך א כהן גדול מטמא זיין?**

צו א מת מצוה.

**ב. צו וועלכע מת מעג זיך א כהן הדיוט מטמא זיין?**

צו זיבן קרובים: 1) צו זיין ווייב, 2) צו זיין טאטע, 3) צו זיין מאמע, 4) צו זיין זוהן, 5) צו זיין טאכטער, 6) צו זיין ברודער, 7) צו זיין שוועסטער.

**ג. פון וואס האט מען געברענגט די קרבן עומר?**

פון די נייע תבואה.

**ד. מ'מעג שניידן תבואה פאר ווען מ'ברענגט די קרבן עומר?**

ניין, מ'טאר נישט שניידן ווייץ פאר מ'ברענגט די קרבן עומר.

**ה. מיט וואס דארף מען מכבד זיין די כהנים?**

צו עולה זיין די ערשטע צו די תורה און ביים בענטשן און אזוי ביי יעדע זאך דארף א כהן זיין די ערשטע.

**ו. ווען האט מען זיך צוזאם גענומען צו שניידן דעם עומר?**

די צווייטע נאכט פון פסח.

**ז. און וואס האבן זיי געפרעגט?**

צו ערשט האבן זיי געפרעגט: 1) די זון איז שוין אונטער געגאנגען? און זיי האבן געענטפערט יא. דערנאך האבן זיי געפרעגט: 2) זאלן מיר נעמען די מעסער? און אלע האבן געענטפערט יא. נאכדעם האבן זיי געפרעגט: 3) זאלן מיר נעמען די קויש? און אלע האבן געענטפערט יא. און אויב ס'איז געווען שבת האבן זיי געפרעגט: ס'איז שבת היינט? און אלע האבן געענטפערט יא. דאן האבן זיי געפרעגט: 4) זאלן מיר שניידן? און אלע האבן געענטפערט שנייד.

**ח. ווי אזוי דארף מען זיך אויפפירן אין שבת?**

מ'דארף זיך אויפפירן שיין און דאווענען הערליך און פאלגן א טאטע מיט א מאמע.

**ט. וויפיל וואכן ציילט מען ספירה?**

זיבן וואכן.

**י. פארוואס ציילן מיר ספירה?**

צו ווייזן אז מירווארטן שוין אויף די יום טוב שבועות אויף קבלת התורה, אזוי ווי א חתן מיט א כלה האבן חתונה ווארטן זיי און זיי ציילן ווען וועט שוין אנקומען די גרויסע טאג פון די חתונה, אזוי אויך אונז האמיר שבועות חתונה מיט די תורה און מיר ווארטן ווען וועט שוין אנקומען די גרויסע טאג.

# שאלות אויף די מעשה פון רבי עקיבא

**יא. ווי אזוי האט מען גערופן דעם עושר וואס האט געוואוינט אין ירושלים?**

כלבא שבוע.

**יב. פארוואס האט מען איהם גערופן כלבא שבוע?**

ווייל יעדער איינער וואס איז אריין צו איהם אין שטוב הונגעריג ווי א הונט איז ארויסגעקומען זאט.

**יג. ווי אזוי האט מען גערופן די טאכטער פון כלבא שבוע?**

רחל.

**יד. מיט וועמען האט כלבא שבוע געוואלט חתונה מאכן זיין טאכטער?**

מיט א תלמיד חכם.

**טו. מיט וועמען האט רחל געוואלט חתונה האבן?**

מיט עקיבא דער פאסטעכער.

**טז. כלבא שבוע האט מסכים געווען אז זי זאל חתונה האבן מיט איהם?**

ניין.

**יז. וואו האבן עקיבא מיט רחל געוואוינט?**

אין א צובראכענע דירה און זיי זענען געשלאפן אויף שטרוי.

**יח. ווי אזוי איז עקיבא געווארן א תלמיד חכם?**

ער איז געגאנגען לערנען אין חדר און נאכדעם אין ישיבה ביז ער איז געווארן א תלמיד חכם.

**יט. ווען ער איז צוריק געקומען אהיים וואס האט ער געהערט פון זיין ווייב פון אונטערן טיהר?**

אז ער קען צוריק גיין אויף נאך 12 יאר.

**כ. און ער איז צוריק געגאנגען לערנען?**

זיכער.

**כא. וואס האט רבי עקיבא געזאגט פאר די תלמידים אויף רחל?**

אז זיין גאנצע תורה און זייער גאנצע תורה איז אין איהר זכות.

**כב. כלבא שבוע איז נאך געווען אויפגערעגט אויף זיי?**

ניין, ער האט חרטה געהאט אויף דעם וואס ער האט זיי פארטריבן פון זיין שטוב.

**כג. פארוואס זענען נפטר געווארן די תלמידים פון רבי עקיבא אין די טעג פון ספירה?**

ווייל זיי האבן נישט מכבד געווען איינער דעם צווייטן.

# נא לגזור דף זה ולשלוח בחזרה לת"ת ביום ראשון

הורים יקרים !

נא לאשר את הפרטים דלהלן אודות בנכם שיחיו ולציין על כל דבר הציון המתאים

**בני ______________________ ני"ו**

**חומש:** ____________________________________

**סיפר פרשת השבוע:** ____________________________

**שירים:** ____________________________________

**נושא השבוע:** _________________________________

**ברכת המזון:** _________________________________

**התנהגות כללית:** ______________________________

**קר"ש שעל המיטה:** _____________________________

**התפלל:** ____________________________________

**הערות:** ____________________________________

**חתימת ההורים** __________________

# ביטע צוריק שיקן זונטיג די מעשה ביכל